בס"ד

# דברי תורה מרבינו
# ראש הישיבה מגור שליט"א

## איבער געזעצט אויף אידיש

כנס הכנה
לקבלת התורה תשפ"ב
מאמר ב'

ליל שבועות
תש"פ

יו"ל שבועות תשפ"ג



לזכר נשמת

רבינו **האמרי אמת** זי"ע

אשר יומא דהילולא דיליה

חל בחג השבועות

נטילתה כנתינתה

**"גחלי אש"**

לשמיעת שיעורים ושיחות בלה"ק ואידיש

מרבינו **ראש הישיבה מגור** שליט"א

בארה"ב - 7162294771 שלוחה 7 לאידיש

באר"י - 0772277277 שלוחה 7 לאידיש

אנגליה - 03303900476

**"בם חייתני"**

לשמיעת שיעורים ושיחות בלה"ק ואידיש

מרבותינו הק' זי"ע ומרבני הקהילה

בארה"ב - 7162294771 שלוחה 8

באר"י - 037680292

אנגליה - 03303900476 שלוחה 8

© כל הזכויות שמורות

יוצא לאור ע"י מכון "קול מנחם"

מכון להפצת שיעורים ודרשות לשמו ולזכרו

של רבינו ה"פני מנחם" זי"ע

kolmenachem12@gmail.com

לתרומות נא לפנות למכון

כמו"כ ניתן לפנות אלינו לקבלת הגליונות מדי שבוע במייל

**וואס** איז דער אינערליכע בקשה פון א יודישע טאטע?! וועלעכע טרערען נעמט אראפ א מאמע מעומק הלב ביים לעכט צינדען?! גוטע קינדער! גוטע קינדער! אז זיי זאלען זוכה זיין צו האבען גוטע קינדער.

**ס'איז** דא א מסורה (בעל הטורים תרומה כה, מ), דריי מאהל שטייט אין תנ"ך אנהייב א פסוק 'וּרְאֵה' [אז ס'שטייט אין אנהייב פון פסוק, איז דאס א שטייגער וויא מ'זאגט אנדעם הייבט זיך דאס נישט אן, דאס איז די אנהייב], איין פסוק שטייט 'וראה ועשה בתבניתם אשר אתה מראה בהר' (שם) - אזוי וויא מ'האט דיר געוויזען בסיני, איין פסוק שטייט אין תהלים (קכח, ו) 'וראה בנים לבניך שלום על ישראל', און דער דריטע פסוק שטייט אויך אין תהלים (קלט, כד) 'וראה אם דרך עוצב בי ונחני בדרך עולם'.

**און** מ'קען טייטשען די מסורת, א מענטש וואס וויל ס'זאל מקויים ווערן ביי איהם 'וראה בנים לבניך שלום על ישראל', און מ'מיינט דאך נישט נאר אז דער רבי זאל נישט אהיים שיקען דער קינד פון חיידר מיט א בייזע צעטל, אדער דער משגיח זאל איהם נישט ארויס שיקען פון די ישיבה, נאר מ'מיינט טיפער, און אזוי וויא דער גמרא זאגט 'שלום על ישראל', 'שלום' גייט אויכעט ארויף אויף לאחר מאה ועשרים, אז דער מענטש זאל וויסען אז ער האט אוועק געשטעלט גוטע דורות, גוטע קינדער.

**וויא** אזוי קומט מען צו צודעם?! איז קודם כל '**וראה ועשה בתבניתם אשר אתה מראה בהר**', נישט ווי דער וועלט פארציילט אז ס'איז אמאהל געווען אן עם הארץ וואס האט אנגעזידעלט זיין טאכטער אז ער האט געהערט אז זי איז נישט קיין בת תלמיד חכם, פארוואס ביסטו נישט קיין בת תלמיד חכם?! אין דיר ווענדט זיך דאס! קודם כל 'וראה ועשה בתבניתם' - דו אליינט דארפסט זיך אזוי פירעהן. מ'האלט דאך יעצט אפאר טעג פאר דער יארצייט פון דער זיידע דער **אמרי אמת זכר צדיק לברכה**, ווען דער טאטע דער

**פני מנחם** זי"ע איז אלט געווען כמעט צוויי יאהר און ער האט אנגעהויבען רעדען, איז דער **אמרי אמת** דעמאלט געווען אין טשעכעסלאבקיא אין שטאט מארינבאד, און זיין בן זקונים האט ער איבער געלאזט אין שטאט אטוואצק, אונטער דער השגחה פון איינער פון די קרובי המשפחה זיין פעטער רבי יצחק דוד בידרמן הי"ד, ווי נאר ער האט זיך דערוויסט דערפון האט ער גלייך געשריבען א בריוו צו די פעטער רבי יצחק דוד בידרמן [מיט'ן דאטום פון: יום י"ג תמוז תרפ"ח] **'כאשר שמעתי כי בני הילד פ"מ שי' מתחיל לדבר איזה תיבות, הנני עושה אותך שליח ללמדו 'תורה צוה לנו משה' ופסוק 'שמע ישראל' כאשר אמרו חכמינו ז"ל'**. וואס דאס ליגט א חיוב אויפ'ן טאטען אזוי וויא ס'שטייט אין גמרא (סוכה מב.) קטן היודע לדבר אביו לומדו תורה וקריאת שמע - תורה צוה ושמע ישראל (ראה מכתבי תורה מכתב מז והערות שם), און וויבאלד דער אמרי אמת זי"ע איז נישט געווען דארטען האט ער געמאכט א שליח, ווייזט זיך אויס פונדעם אז ס'העלפט דערויף שליחות, און דער **כהן** [הרה"ק רבי צדוק הכהן מלובלין זי"ע] אין זיין ספר **אוצר המלך** (פ"א מהל' ת"ת ה"ג) איז מאריך אינדעם אויב ס'העלפט שליחות אויף די מצוה פון 'ושננתם', אדער אפשר ווערט דאס גערכנט אלץ א מצוה שבגופו, אבער אזוי האט זיך דער אמרי אמת געפיהרט [זעה אין שו"ת מהר"ח אור זרוע (סי' יא) אז ס'העלפט]. ס'קען זיין אז אויף לערנען א 'תורה צוה' און 'שמע ישראל' העלפט שליחות, **אבער אויף די מוסטער, אויף די דוגמא - 'וראה ועשה כתבניתם'**, אז א קינד זאל טוהן וואס דער טאטע טוהט, גיין אין גוטע וועגען, נישט אז ער זאל זאגען וואס דער טאטע זאגט, אויפדעם העלפט נישט קיין שליחות, דאס איז נאר אויב דער טאטע אליינט וויל און האלט און טוהט די זאכען בפועל, דעמאלטס קען ער האבען גוטע קינדער.

**אבער** ס'איז נאך מער פונדעם, **'וראה אם דרך עוצב בי ונחני בדרך עולם'**, וואס מיינט 'דרך עוצב'?! די גמרא זאגט (עירובין ג:) אז ס'דא 'אמות עצבות' - וואס מען מעסט איר בצמצום, און ס'דא 'אמות שוחקות' - וואס מען מעסט איר מיט טפחים גדולים - גרויס און ברייט. **'וראה אם דרך עוצב בי'**, מ'קען

נישט זוכה זיין אוועק צו שטעלען דורות ישרים אזוי וויא ס'דארף צו זיין, אויב דער קינד זעהט ביים טאטען אז די קיום תורה און מצוות ביים איהם גייט אהן א שמחה, ס'גייט מיט א געקוועטשקייט, מיט א שמאלקייט, מיט א עצבות, מיט א צמצום, ס'גייט נישט מיט א ברייטקייט, וועט דער קינד קיינמאהל נישט קענען כאפען וואס דער וועג איז.

**און** דער וועג און דער עצה וויא אזוי מקיים צו זיין די תורה און מצוות מתוך שמחה און מיט ברייטע השגות, איז ווען דער מענטש כאפט און פארשטייט **'ונחנו בדרך עולם'** - אז דער וועלט איז דאך נאר א פרוזדור אנצוקומען צום טרקלין, און די זאכען וואס זענען גורם דעם מענטש זיך נישט צו פרייען מיט זיין תורה און זיין עבודת השם, איז צוליב א יסוד'יתדיגע טעות וואס דער מענטש מאכט, אז ער מיינט אז די וועלט איז די טרקלין. אבער אויב ער ווייסט אז דער וועג אויף די וועלט פירט צו צו אן אנדער'ן פלאץ - ונחני בדרך עולם, מיר דערנענטער'ן זיך צו א לעכטיגע וועלט, דעמאלטס פרייט מען זיך מיט די תורה און מצוות, אויך ווען ס'דא שוועריקייטען, ווייל וואס איז דען אויב ס'איז פארהאן א שוועריקייט און א פארשטעלכצע, וואס איז דען אז מען האט מען נישט וואס יענער האט, און ס'איז דא פארשידענע זאכען וואס איך דארף זיך איינהאלטען און מוותר זיין דערויף, אבער מיר ווייסען אז מיר גייען אויף עפעס אנדערש, איך דערנענטער זיך דאך צו א לעכטיגע וועלט, און דווקא מתוך שמחה קען מען מחנך זיין יודישע קינדער און אויפשטעלען דורות ישרים זרע ברך ה'.

**מיר** בעטען ביי ברכת התורה **'שנהיה אנחנו וצאצאינו וצאצאי צאצאינו יודעי שמך ולומדי תורתך לשמה'**, לומדי תורתך לשמה איז שוין א מדרגה, 'תורה לשמה' איז נישט קיין קלייניקייט, אבער פאר דעם לייגען מיר צו און מיר בעטען אז מיר זאלען זיין **'יודעי שמך'**, וויסען אז ס'דא א רבונו של עולם, לעבען מיט'ן רבונו של עולם, דאס איז דער פתח און דאס איז דער וועג וואס מען קען צוקומען צו זיין 'לומדי תורתך לשמה'.

**און** אפשר איז דאס די סוד פון די

דרש פון חז"ל וואס שטייט אין די גמרא (ב"מ פה.) 'אמר רבי פרנך אמר רבי יוחנן כל שהוא תלמיד חכם ובנו תלמיד חכם ובן בנו תלמיד חכם, שוב אין תורה פוסקת מזרעו לעולם, שנאמר (ישעיה נט, כא) 'ואני זאת בריתי וגו' לא ימושו מפיך ומפי זרעך ומפי זרע זרעך אמר ה' מעתה ועד עולם', מאי אמר ה' - אמר הקב"ה אני ערב לך בדבר זה, מאי מעתה ועד עולם - אמר רבי ירמיה מכאן ואילך תורה מחזרת על אכסניא שלה'. און תוס' זאגט (כתובות סב:) אז דאס איז נאר אויב ס'גייט מיט א המשך, איינער זעהט דעם אנדער'ן - רואין זה את זה, מ'קען טייטשען אז 'רואים' איז פונעם לשון 'רואה אני את דברי אדמון', ס'געפעלט, ס'איז גוט, מ'כאפט דאס געשמאקייט פון די תורה, פארקערט פון 'דרך עוצב בי', דעמאלטס איז 'אין התורה פוסקת'.

**און** דער לשון הגמרא איז 'אמר הקב"ה אני ערב לך בדבר זה', 'ערב' הייסט געמישט, דער אייבערשטער זאגט אז אויב דו ביסט א 'יודעי שמך', אז דו געדענקסט מיר, אויב דו געדענקסט אז דו ביסט 'בדרך עולם', אז דו געדענקסט אז די תורה איז נישט קיין חכמה גרידא, מ'לערנט נישט ווייל ס'איז עפעס א זאך וואס מ'דארף אריבער פירען דעם טאג מיט לערנען, נאר לימדו התורה איז א העכערקייט - דער אייבערשטער איז דאך 'יושב ושונה כנגדו', דעמאלט זאגט דער אייבערשטער 'אני **ערב** לך בדבר זה', דארט בין איך געמישט, דארט בין איך דא.

**דער** גאנצע עולם - גאנץ כלל ישראל וואס האבען זיך דא צונויף געקומען, יעדער איינער איז משקיע און וויל גוטע קינדער, און בכללם די בני הקהילה וואס האבען אזוי פיהל מקריב געווען און אוועק געגעבען פון זיך כדי זוכה צו זיין מחנך צו זיין און אוועק שטעלען כשר'ע דורות, בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצוות, דער אייבעשטער זאל העלפן אז אלע צוזאמען זאלען זוכה זיין ס'זאל מקוים ווערען ביי זיי 'לא ימושו מפיך ומפי זרעך ומפי זרע זרעך מעתה ועד עולם'.

**שטייט** אין גמרא (שבת פח.) 'ויתיצבו בתחתית ההר (יתרו יט, יז), אמר רב אבדימי בר חמא בר חסא מלמד שכפה הקב"ה עליהם את ההר כגיגית ואמר להם אם אתם מקבלים התורה מוטב ואם לאו שם תהא קבורתכם, אמר רב אחא בר יעקב מכאן מודעא רבה לאורייתא [מודעא 'רבה', היינו אונס הגלוי לכל, שנעשה לעיני שישים ריבוא], אמר רבה אף על פי כן הדור קבלוה בימי אחשורוש'. מען דארף פארשטיין וואס קומט רב אחא בר יעקב אונז לאזען הערען מיט דעם, ס'איז זיכער נישט מסתבר צו זאגען אז ער קומט מקיל זיין אז מ'דארף נישט אזוי פיהל מדקדק זיין אין טוהן מצוות און מעשים טובים וויבאלד מיר האבען א טענת אונס, ווייל ס'קען דאך נישט זיין אז מ'זאל זאגען אז מען מעג מקיל זיין ח"ו אין שמירת תורה און מצוות (עי' ספר הזכות לקוטים), און אויב ער מיינט צו זאגען אויף לעתיד, אז מ'וועט האבען וואס צו ענטפערען אין בית של מעלה, ווען מ'וועט קומען מיט א תביעה פארוואס מ'האט נישט מקיים געווען וואס מ'האט מקבל געווען אויף זיך [עי' רש"י], אויף דעם דארף מען נישט מודיע זיין דאס אויף דער וועלט, ווייל בשעת א מענטש ווערט נפטר פארגעסט ער דאך אלעס [אפילו זיין נאמען ווי אזוי ער הייסט פארגעסט ער דאך, און צוליב דעם זאגט מען סוף שמו"ע דעם פסוק מיט די אותיות פון זיין נאמען, אלץ סגולה ער זאל נישט פארגעסען זיין נאמען], און ווער זאגט אז ער וועט זיין דענסטמאל אין א דרגה פון 'אשרי מי שבא לכאן ותלמודו

בידו', אז ער וועט געדענקען צו טענ'ן א טענת אונס.

**און** אויב מ'מיינט טאקע אלץ בית דין של מעלה, איז נאך מער שווערער, ווייל דארט אויבען איז דאך אלעס גלוי וידוע, און מ'דארף נישט אז דער מענטש זאל דארפען טענ'ן דעם טענה, און אויב אזוי צו וועלכע צוועק האט רב אחא בר יעקב דאס געלאזט הערען. נאך דארף מען פארשטיין, די גמרא זאגט דאך 'אמר רבה אעפ"כ הדור קבלוה בימי אחשורוש', און רבה קומט דאך זיך נישט קריגען אויף רב אחא, ווייל ס'שטייט נישט 'רבה אמר', נאר 'אמר רבה', און אויב עס איז שוין נישט דא קיין טענת אונס, איז פארוואס לאזט אונז ראב"י הערען א מודעא רבה לאורייתא און זאגט אז ס'איז געווען הדור קבלוה מאהבה, וואס האבען אונז פון דעם ידיעה.

**און** בעיקר איז שווער די קשיא פון די **משנה למלך** (פ"ג משבועות ה"א, פ"י ממכירה ה"א) אז לויט די סברא פון **מהר"ם מרוטנבורק** (עי' מרדכי גיטין סי' שצה) און דעם **בית יוסף** (חו"מ סי' רה) אז ביי אן אונס צוליב א סטראשונג פון א זיכערע מיתה, איז א מענטש גמר ומקני מיט די גאנצע הארץ, ווייל כל אשר לאיש יתן בעד נפשו, די ווילען פון דאס לעבען שטארקט זיך איבער אלעס (ועי' עברא דדשא ח"א עמ' שיא), אויב אזוי דארף מען פארשטיין פארוואס האבען נאך די יודען א פתחון פה צו זאגען אז דער אייבערשטער האט זיי געצוואונגען מקבל זיין אויף זיך די תורה, ס'איז דאך געווען א אונס מיתה, און אין א זיין פאל איז דאך גמר ומקני.

**וי"ל** אז די מהר"ם מרוטנבורק רעדט דייקא אויף א אופן ווען מען צוואונגט א מענטש אז ער זאל

אוועק געבען א חלק אדער אלע זיינע נכסים, און אנשטאט'ס דעם לאזט מען איהם ביים לעבען, וואס דעמאלט איז נישט דא קיין טענת אונס. אבער ביי קבלת התורה זאגט מען דאך א מענטש אז ער זאל אוועק געבען זיין גאנצע לעבען פאר'ן תורה, אזוי ווי חז"ל זאגען (שבת פג:) אויפ'ן פסוק (חקת יט, יד) 'זאת התורה אדם כי ימות באוהל' - **'אין דברי תורה מתקיימים אלא במי שממית עצמו עליה'**, וואס דאס מיינט אז א מענטש דארף אוועק געבען זיין גאנצע פיזישע לעבען פאר'ן תורה, די גשמיות'דיגע לעבען וואס דאס זעהל פון מענטש וויל לעבען, אויף דעם דארף ער מוותר זיין, ווייל דער מענטש וואס איז מקבל די תורה - טוישט זיך און ווערט איבערגעדרייט צו אן אנדערע מענטש, ער לעבט אויף אן אנדער'ן אופן און אויף אן אנדערע משמעות, א העכערע לעבען, אזוי ווי די לשון פונעם **חזון איש** (קובץ אגרות מכתב ג) וואס ער שרייבט **'המיתה שבכאן הוא הנטיה מפשוטו של החיים, לעומקו של החיים, לתוך תוכו של החיים'** עי"ש, און אויף אזיין אופן איז יא דא טענת אונס, ווייל דאס איז זייער א שווערע קבלה, און זייער א ערענסטע קבלה, אז ער איז מוותר און טוישט זיין גאנצע לעבען (ועי' חי' חת"ס שבת שם).

**און** דאס קומט אונז רבי אחא בר יעקב צו לאזען הערען, עטץ זאלט וויסען און משים לב זיין ווי גרויס איז די קבלת התורה, אז אפילו 'אונס מיתה' וואס בדרך כלל אינדעם איז נישט דא קיין 'טענת אונס', נאר אלעס וואס א מענטש איז דעמאלט מקבל הייסט א ריכטיגע 'הקנאה', אבער ביי קבלת התורה איז דאס נישט אזוי,

ווייל ביי דעם גיבט דער מענטש אוועק זיין פיזישע לעבען פאר'ן תורה, און ער איז מוותר אויף אלע תענוגות און אויף אלע הבלי עולם הזה. און עס קומט אונז נישט פטר'ן פון די קיום פון תורה און מצוות, ווייל דאס איז זיכער אז מיר דארפען היטען און מקיים זיין אלעס וואס שטייט אין די תורה [אדער וויבאלד אז פאר דעם וואס מען האט אונז געצוואונגען האבען אונז דאס מקבל געווען ברצון, אדער וויבאלד אז אזוי האט אונז דער אייבערשטער באפוילען], נאר דאס קומט אונז זאגען 'מודעא רבה', מיר זאלען וויסען און שפירען, וויסען און מודיע זיין אז די קבלה איז אזוי גרויס, עס איז אזוי טיף, עס נעמט ארום עד דכדוכה של נפש. און דאס איז טאקע א שווערע ארבעט צו לעבען א תורה'דיגע לעבען, פון זיך מקנה זיין און משעבד זיין דאס גאנצע לעבען פאר'ן תורה.

**און** אויף דעם האט רבה געזאגט 'אף על פי כן' - 'הדור קבלוה בימי אחשורוש', און רש"י איז מפרש אז דאס איז 'מאהבת הנס', ווייל ווען א מענטש איז מקבל אויף זיך די תורה מאהבה, טראגט ער דאס פעקל מיט א התרוממות, און עס איז איהם גארנישט שווער דאס וואס ער דארף זיך אוועק געבען פאר לעבען תורה'דיג, אזוי ווי חז"ל זאגען (ירושלמי ברכות פ"ט ה"ה) 'עשה מאהבה, שאם באת לשנוא דע כי אתה אוהב ואין אוהב שונא', דער וואס טוהט מאהבה שפירט נישט די שווערעקייט אין די ימי השנאה, א שטייגער אזוי ווי ס'שטייט אין פסוק (ויצא כט, כ) 'ויהיו בעיניו כימים אחדים באהבתו' וגו', ווייל ווען איינער טוהט עפעס מאהבה, שפירט ער בכלל נישט אז עס איז איהם שווער (ועי' רש"י ואתחנן ו, ה).

ונאים הדברים מפי עושיהן - רבה [לגירסת הב"ח שם], ווייל ס'שטייט אין די גמרא (מו"ק כח.) אז רבה ל"ע האט נישט געהאט בני חיי מזוני, איז ער דער פאסיגער וואס קען אונז זאגען - הדור קבלוה מאהבה, אז מיט 'שמחה' און מיט 'אהבה' קען מען באקומען און מקיים זיין די תורה, טראץ אלע שווערקייטען.

**שטייט** אין גמרא (שבת פח:) **'כל דיבור ודיבור שיצא מפי הקב"ה חזרו ישראל לאחוריהן שנים עשר מיל',** י"ב מיל איז א 'שיעור תחומין', און אפילו אויב מ'וועט זאגען אז 'תחומין' איז נאר מדרבנן, אבער די שיעור פון י"ב מיל איז תחומין מן התורה (עי' רא"ש עירובין פ"א סי' כד), און בשעת מתן תורה זענען די יודען נישט ארויס פון זייער פלאץ אין די י"ב מיל, נאר חוץ פון די י"ב מיל [אזוי ווי ס'איז משמע פון די קשיא וואס די קדמונים פרעגען (עי' רוקח סי' קעה ומושב זקנים ופענח רזא פר' יתרו) אז ווי אזוי האבען די יודען געקענט ארויס גיין חוץ לתחום, מיר ווייסען דאך אז בשבת ניתנה תורה לישראל]. און דער טעם פארוואס טאקע האט מען זיי ארויס גענומען פון חוץ למקומם, איז כדי אויסלערנען יעדער איינער אז ס'ליגט אויף איהם דאס אויפגאבע אפצולאזען זיין פלאץ, און זיך דערהייבען אויף העכער'ס כדי מקבל זיין די תורה.

**חז"ל** זאגען (שבת פח:) 'אמר ריב"ל כל דיבור ודיבור שיצא מפי הקב"ה יצתה נשמתן של ישראל, והוריד טל והחיה אותם אחרי כל דיבור' (עי' מהרש"א שם), לכאורה דארף מען פארשטיין און אזוי איז דער **שפת אמת** מדקדק (ואתחנן תרל"ח) צו דען קען דער אייבערשטער נישט מאכען אז זיי זאלען יא האבען כוח צו הערען זיינע דיבורים און זיי זאלען בלייבען לעבען. איז דער שפת אמת מסביר אז דאס קומט

אונז לערנען אז כדי צו קענען זוכה זיין צו תורה, דארף מען האבען מסירות נפש כפשוטה, מ'דארף הערען דעם **דבר ה'** און שטארבען, ווייל נאר אויף דער אופן פון איבערגעבען אלע חושים און אלע רצונות פאר'ן אייבערשטען, קען מען מקבל זיין די תורה (ועי' עברא דדשא ח"א עמ' שכב). ווייל פאר א תורה'דיגע לעבען דארף א מענטש טוישען אלע זיינע הרגלים, און ער דארף לעבען א העכערע און א אנדערע לעבען.

**זאל** דער אייבערשטער העלפען אז מיר זאלען קענען מקבל זיין די תורה מיט א שטארקע און א אמת'ע 'קבלה', מיט די גאנצע זעהל, מיט די 'פנימיות', און דינען דעם רבונו של עולם און איהם מאכען נחת רוח.

**ס'ווערט** אראפ געברענגט אין נאמען פון הרה"ק רבי יחזקאל מקאזמיר זי"ע אויפדעם וואס חז"ל זאגען (ברכות י.) 'אפילו חרב חדה מונחת על צוארו של אדם **אל ימנע** עצמו מן הרחמים', וואס לכאורה וואלט געדארפען שטיין דעם לשון 'אפילו חרב חדה מונחת על צוארו של אדם **יבקש** או **יתפלל** או יקווה לרחמים', וואס זאגט דאס אונז דער לשון פון **'אל ימנע'** עצמו מן הרחמים. פארטייטשט ער אז דער אייבערשטער איז דאך כולו רחמים, דרך הטוב להטיב, און די רחמים גייט שטענדיג אראפ פון הימעל, אבער ס'דא אמאל דורכדעם וואס עס איז דא א פעלער - חסרון אין אמונה און בטחון, אדער צוליב דעם וואס א מענטש איז זיך מייאש, מיט דעם האלט ער אפ די 'השפעת הרחמים', און דאס איז וואס חז"ל באטאנען און זאגען **אל** 'ימנע', אז ער זאל זעהן אז ער פון זיין זייט זאל נישט אפהאלטען די 'רחמים' פון אראפ קומען, אז ער זאל זיין א 'כלי קיבול' וואס איז 'ראוי' דערויף.

**און** לויט דעם קען מען געבען צו פארשטיין די לשון וואס שטייט אין חז"ל (שבת פג:) 'לעולם אל ימנע אדם את עצמו מבית המדרש ואפילו שעה אחת' [וכן הוא בתוספתא עדיות פ"א ה"ב (עי' רש"י שבת טו. ד"ה שני)], וואס מ'קען מדקדק זיין אז לכאורה וואלט געדארפען שטיין 'לעולם **לא יפסיק מלימודו** ואפילו שעה אחת' וכדומה, וואס ליגט באהאלטען אינדעם וואס חז"ל ניצען דעם לשון פון **'אל ימנע אדם את עצמו מבית המדרש'**.

**נאר** פשט דערין איז, אז ס'שטייט אין די גמרא (ב"מ פה.) 'אמר רבי יוחנן כל שהוא תלמיד חכם ובנו תלמיד חכם ובן בנו תלמיד חכם שוב אין תורה פוסקת מזרעו לעולם, שנאמר (ישעיה נט, כא) 'ואני זאת בריתי וגו' לא ימושו מפיך ומפי זרעך ומפי זרע זרעך אמר ה' מעתה ועד עולם', מאי אמר ה' - אמר הקדוש ברוך הוא אני ערב לך בדבר זה, מאי מעתה ועד עולם - אמר רבי ירמיה מכאן ואילך תורה מחזרת על אכסניא שלה'. און ס'איז באוואוסט די קושיא אז יעדער איינער פון כלל ישראל האט אין זיך דריי דורות פון תלמידי חכמים - די אבות הק' - אברהם יצחק ויעקב, אזוי ווי ס'שטייט אין די גמרא (יומא כח:) 'מימיהן של אבותינו לא פרשה ישיבה מהם, אברהם אבינו זקן ויושב בישיבה היה, יצחק אבינו זקן ויושב בישיבה היה, יעקב אבינו זקן ויושב בישיבה היה'. און זיי האבען זיך געזעהן איינער דעם אנדערען [אזוי ווי תוס' שרייבט אין מסכת כתובות (סב:), אז דאס איז איינער פון די תנאים אז ס'זאל מקויים ווערען די הבטחה פון ולא ימושו, אז איינער זאל זעהן דעם צווייטען], און אויב אזוי האבען מיר דאך אלע די הבטחה **לא ימושו מפיך** וגו', און ווי אזוי איז פארהאנען בכלל עמי הארצים?!

**ענטפערט** די **אמרי אמת זי"ע** [און

ס'קען זיין אז ער האט דאס נאכגעזאגט אין נאמען פון ספרים] אז ס'איז טאקע אמת אז ס'איז דא א הבטחה אז דער תורה איז מחזרת אחרי אכנסיא שלה, די תורה נעמט אונז ארום פון אלע זייטען, און מיר האבען א שייכות צו די תורה פון די כח פון די אבות הק', אבער טראצדעם ליגט א אויפגאבע אויפ'ן מענטש אז ער זאל אריין לאזען די תורה אין די אכסניא אריין, ער זאל האבען א אמת'ע רצון צו די תורה, ס'זאל זיין 'תוכו כברו', און דעמאלט ווען מ'לאזט אריין די תורה אויף אזא אופן איז 'אין תורה פוסקת מזרעו'.

**און** דאס איז וואס חז"ל האבען מדייק געווען בלשונם און געשריבען 'אל ימנע אדם עצמו מבית המדרש', ווייל ס'איז דא אמאהל אז דער מענטש כאילו מיט זיינע מעשים, פארמאכט ער די טיהר און ער האלט צוריק די תורה עס זאל זיך נישט דערנענטערען צו איהם, און יעדער איינער דארף זיך ערוועקען און וויסען אז ער איז טאקע א 'אכסניא של תורה', א 'בית המדרש' פון תורה, אבער ס'ליגט אויף איהם דער אויפגאבע אז ער זאל לאזען די תורה אריינגיין אינערווייניג, אזוי ווי ס'שטייט אין פסוק 'רוחי אשר עליך ודברי אשר שמתי בפיך', 'רוחי אשר עליך' - די גייסטליכע הרגשה, די 'קשר' מיט'ן נותן התורה, מיט די 'קב חומטון', אז די תורה זאל אויסלערנען די מענטש ווי אזוי זיך צו פירעהן, אויף אזיין סארט לימוד התורה, אז ער איז צוגעבינדען און אנגעבינדען מיט די תורה, איז דא די צוזאג און די הבטחה פון די אבות הק' און די דורות נאך זיי.

**און** דאס איז פשט וואס חז"ל זאגען 'מימיהן של אבותינו לא פרשה ישיבה מהם', וואס לכאורה דארף מען פארשטיין פשט אין דיע ווערטער פון 'לא פרשה ישיבה מהם', וואס מיינט מהם, ווען א מענטש גייט אוועק פון דער ישיבה, בלייבט דאך דער ישיבה

שטיין אויף די זעלבע ארט, אויב אזוי וואלט געדארפען שטיין 'לא פרשו **מישיבה**', און נישט אז די 'ישיבה' איז נישט אוועק געגאנגען פון זיי [און ע"פ פשט קען מען זאגען לויט וואס חז"ל זאגען (מכות י.) 'הרב שגלה מגלין ישיבתו עמו', ד.מ. אז ווי נאר זיי זענען געגאנגען האבען זיי געגרינדעט און געמאכט א נייע ישיבה].

**נאר** די פשט אינדעם איז, אז טראצדעם וואס ס'איז טאקע געווען מאלען וואס זיי זענען ארויס געגאנגען פון די 'כותלי הישיבה', אבער פונדעסטוועגען וויא נאר זיי זענען אהין געגאנגען זענען זיי געליגען אין לערנען, די 'ישיבה' איז געווען אין זיי - בתוך תוכם, אין זייערע מהות, אין זייערע בלוט, אין זייערע חיות. ווייל דער וואס איז 'שייך' צו א 'ישיבה' אדער צו א 'בית המדרש', איז אויך ווען ער גייט ארויס פון די 'ישיבה', גייט ער נישט ארויס פון איהר, ווייל די 'ישיבה' ליגט אין איהם, און די דברי תורה זענען 'נבלעים בדמו'.

**און** דערפאר האבען חז"ל אנגעכאפט די לשון פון **אל ימנע אדם את עצמו** '**מבית המדרש**' מיט א לשון יחיד, און נישט געשריבען **מבתי מדרשות** א לשון רבים, ווייל זיי מיינען צו באטאנען אז 'לעולם' שטענדיג זאל א מענטש זיך נישט אפרייסען פון די אינערליכע געפיהל אז ער מיט'ן בית המדרש זענען איינס, און דאס וועט ווירקען אויף זיין התנהגות, אז ער וועט ווי אין שנענלסטען זיך צוריק קערען צום בית המדרש, און זיך מתגבר זיין אויף די זאכען וואס שטערען פון לערנען.

**און** מיט דעם קען מען אויך פארשטיין די לשון וואס חז"ל האבען מתקן געווען צו לויבען צום אייבערשטען או זאגען 'ששמת חלקנו מיושבי **בית המדרש** ולא שמת חלקנו מיושבי קרנות', און **הגרי"ש אלישיב** זצ"ל

האט אנגעמערקט און געפרעגט אז פארוואס ביי די יושבי **'קרנות'** שטייט א לשון רבים, און ביי די יושבי **'בית המדרש'** שטייט א לשון יחיד, ס'וואלט געדארפט שטיין **ששמת חלקנו מיושבי בתי מדרשות** - יעדער איינער ווי נאר ער געפינט זיך, ולא שמת חלקנו מיושבי קרנות. און ער האט געענפערט - א תירוץ וואס דאס איז בבחינת הוא היה אומר - אז דער וואס לערנט תורה אין א 'בית המדרש', איז ער דאך צופרידען מיט זיין פלאץ, און ער האט קיינמאל נישט וואס צו זיכען קיין אנדערע ארט, ווייל ער טרעפט זיין גאנצע באדערפעניש אין די תורה הק', אבער ביי די 'יושבי קרנות' ארבעט דאס אנדערש, ווייל די פלאץ - די 'קרן זויות', וואס איז נעכטען געווען אינטערעסאנט, איז היינט שוין נישט אינטערעסאנט, און זיי זיכען שוין א נייע זאך און זיי גייען צו א אנדערע ווינקעל, און צו מארגען'ס וועלען זיי גיין צו א דריטע ווינקעל, די פלאץ פון די 'יושבי קרנות' איז אין אסאך פלעצער, אבער ביי די 'יושבי בית המדרש', דארט זיצט א מענטש שוין זעכציג יאר און לערנט דארט אין די זעלבע בית המדרש און אין די זעלבע ארט, און דעריבער שטייט **בית המדרש** מיט א לשון יחיד.

**אבער** 'על דרך העבודה' קען מען זאגען, אז די זינען פון דאס ווארט 'בית המדרש' מיינט נישט נאר די פיהר ווענט, נאר די עיקר 'בית המדרש' איז אין די מענטש, אז ער אליינט ווערט א אכסניא של תורה, און דאס איז די באדייט וואס שטייט **ששמת חלקנו מיושבי 'בית המדרש'**, וואס דאס מיינט ווי נאר מען געפינט זיך, ווי נאר מען שטייט און גייט, האבען מיר אין זיך א כלי קיבול פאר'ן תורה, א רצון צום תורה, ברענען און קאכען אין לערנען, יעדער איינער און איינער איז א אכסניא של תורה.

**מיר** קענען זיך מער פארטיפען אינדעם, לויט דעם וואס ווערט אראפ געברענגט אין ספר **'שארית מנחם'** (פר' בהעלתך עמ' קלח בהערה) דאס וואס ער האט געהערט פון **הרה"ק מלומאז זי"ע** אויפ'ן פסוק (תהלים קיט, נט) 'חשבתי דרכי ואשיבה רגלי אל עדותיך', און חז"ל זאגען (ויק"ר לה, א) 'אמר דוד רבש"ע בכל יום ויום הייתי מחשב ואומר למקום פלוני ולבית דירה פלונית אני הולך, והיו רגלי מביאות אותי לבתי כנסיות ולבתי מדרשות, הה"ד ואשיבה רגלי אל עדותיך', אז דאס מיינט צו זאגען אז ווען ס'קומט פאר'ן מענטש א געדאנק אז ער זאל גיין צו 'דרך ומקום פלוני', קען ער אפטוהן פון זיין הארץ די סארט געדאנק דורכדעם וואס ער וועט טראכטען אז איך בין דאך א בית מדרש יונגערמאן, וויא קומט צו מיר דרך פלוני ומקום פלוני [און מיר מיינען נישט דאס מסביר זיין פשט אין פסוק, אז ס'גייט ארויף אויף דוד המלך ע"ה, נאר מ'קען אזוי טייטשען דעם פסוק אז ס'גייט ארויף אויף יעדער איינער וואס זאגט תהלים].

**און** מיר דארפען גוט אריינטראכטען אינדעם, יעדער איינער האט דאך כל מיני ערטער וואס ער וויל דארט אהין גיין, אבער ער האלט זיך איין, ווייל ער זאגט צו זיך איך בין דאך א 'בית מדרש מענטש', און דעריבער אויך ווען ער געפינט זיך נישט בפועל אין בית המדרש, געדענקט ער צו ווי אהין ער געהערט, און אפילו אז עס איז נישט דא קיין איסור אינדעם צו גיין 'למקום פלוני', אבער פונדעסטוועגען פאסט דאס נישט פאר א 'בית מדרש יוד' אהין צו גיין, און אט זאגט דער אייבערשטער 'ואני ערב בדבר', און די תורה איז מחזרת על אכסניא שלה, און ער דארף צו זיך זאגען איך בין דאך א אכסניא של תורה, און צוליב דעם ווי אזוי פאסט דאס פאר מיר צו גיין צו אזעלעכע פלעצער.

**און** אויך בשעת מען זיצט אין 'בית המדרש', העלפט דער חשבון אפצוהיטען די קאפ מיט די מוח פון 'מחשבת חוץ', דורכדעם וואס ער זאגט זיך וויא אזוי פאסט דאס פאר מיין קאפ צו טראכטען אויף אנדערע זאכען, וויא אזוי פאסט דאס פאר מיין הארץ צו וועלען אנדערע זאכען. און אויך ווען ער מיז שוין יא ארויס גיין צו 'מקום פלוני', דארף ער זיך אויפירען אזוי וויא עס דארף צו זיין, זעהן וואס מער 'מקצר' זיין די וועג, וויפיהל עס איז נאר מעגליך, און מוסיף זיין מיט 'קביעת עתים לתורה', און געוויס אוודאי אז דער וואס איז א 'יושב אוהל' דארף ער זעהן זיך מזדרז צו זיין ביותר, ווייל ער אליינט איז דאך א 'בית המדרש'.

**און** מיט דעם קען מען מסביר זיין דאס וואס שטייט אין משנה (אבות פ"ה מי"ד) 'ארבע מדות בהולכי לבית המדרש, הולך ואינו עושה' וכו', און די מפרשים שטעלען זיך שוין אויפדעם פארוואס ווערט בכלל אויסגערעכנט א 'הולך ואינו עושה' צווישען די 'הולכי בית המדרש', ס'איז דאך בעסער ווען ער גייט נישט. נאר די מכוון איז אז אפילו אויב יעצט צום מינוט איז ער א 'אינו עושה' - אז ער קען נישט לערנען וואס פאר א סיבה עס זאל נאר נישט זיין, אבער פון דעסטוועגען ווייסט ער און ער פארשטייט אז ער איז 'שייך' צום 'בית המדרש', ווייל דארטען איז זיין 'מקור החיות'. און דער וויסענשאפט אז ער איז 'מהולכי בית המדרש', העלפט איהם זייער זיך צו קענען מתגבר זיין אויף די נסיונות פונעם יצר הרע, אזוי ווי חז"ל זאגען (ב"ר פז, ה) אז די וויסענשאפט אז 'אני מאהובי בית אבא' האלט אפ פון זינדיגען, אזוי ווי עס איז געווען ביי די נסיון פון יוסף הצדיק.

**שטייט** אין פסוק (שה"ש ב, ד) 'הביאני אל בית היין ודגלו עלי אהבה', און

עס שטייט אין מדרש (שהש"ר ב, טו) 'רבי מאיר ורבי יהודה, רבי מאיר אומר אמרה כנסת ישראל הושלט בי יצר הרע כיין, וכו', אמר לו רבי יהודה דייך מאיר אין דורשין שיר השירים לגנאי אלא לשבח, שלא נתן שיר השירים אלא לשבחן של ישראל, ומהו הביאני אל בית היין, אמרה כנסת ישראל הביאני הקב"ה למרתף גדול של יין זה סיני, ונתן לי שם דגלי תורה ומצות ומעשים טובים, ובאהבה גדולה קבלתי אותם'. דאס מיינט צו זאגען אז די תורה איז צוגעגליכען צו א קעלער וואס איז פיהל פון וויין, וואס יענער איינער וואס גייט דארט נאר אריין ווערט 'שיכור' פון די שמעק - ריח וואס פילט אן די אטמעספערע, אזוי אויך דער וואס גייט אריין אין עולמה של תורה, ווערט 'שיכור' נאר פון זעהן און שמעקען די תורה, נאר די 'רצון' צום תורה איז שוין 'משכר', הביאני אל בית היין.

**מיר** קענען זיך פארטיפען אין די רייד פון מדרש, בהקדם וואס מען פארציילט אז ווען הרה"ק **רבי אברהם אלימלך מקרלין הי"ד זי"ע** איז אהער געקומען א באזוך דא קיין ארץ ישראל, איז ער געקומען באזיכען איינער פון זיינע חסידים - ר' שמעון פרידמן, וואס האט געהאט א וויינטרויב 'יקב', כדי להביא ברכה אל ביתו, און איינער פון די חסידים וואס האט געוואלט משמח זיין רבי, האט געזאגט צו דער בעל הבית - דער בעל היקב אז ער זאל איהם ברענגען טועם צו זיין פון אלע סארטען וויין וואס איז נאר דא, אנדעם וואס ער זאל איהם ווייזען פון וועלכע פלאש ער גיסט איהם אן, און ער וועט איהם זאגען וויפיהל פראצענט אלכוהול איז דא אין יעדער פלאש וויין, וכך הוה, יעדער כוס וואס ער האט פארזיכט פונדעם האט ער געוויסט צו זאגען וויפיהל פראצענט אלכוהול ס'פארמאגט, האט ר' שמעון דער 'בעל היקב' זיך

געווינדערט און געזאגט פאר זיין רבי, איך בין געפארען קיין פאריז כדי זיך צו לערנען דעם גאנצען פאך פון מאכען וויין, און אסאך יארען וואס איך באשעפטיג זיך מיט דעם און איך בין עוסק אינדעם 'תחום', און פונדעסטוועגען ווען איך וויל וויסען פונקטליך וויפיהל אלכוהול איז דא אין יעדער פאס, דארף איך דאס מעסטען מיט אזא סארט מעסטער - עם מד אלכוהול, און וויא אזוי ווייסט ער וויפיהל אלכוהול איז פארהאנען אין יעדער פלאש?! האט איהם דער רבי געענפערט דו האסט געלערנט, **אבער ער האט געטרונקען, ער האט דאס אריין גענומען אינערווייניג.**

**אוי** וויא טיף איז די משל פון חז"ל - הביאני אל בית היין, און באמת זענען ביידע דעות אין מדרש גערעכט, ווייל אט טאקע איז פארהאנען א יצר הרע וואס גייט אריין אין מענטש אריין, כדי איהם איבער צו רעדען צו טוהן שלעכט'ס, און אנטקעגען דעם איז דא די 'תורה' וואס איז א תבלין קעגען דעם יצר, אבער דאס אלעס איז געוויס נאר אויב מען לייגט אריין די תורה - די ייִנה של תורה אין אלע איברים, וואס דאס איז די ריכטיגע 'קבלת התורה', אז די 'תורה' זאל נישט זיין מן השפה ולחוץ אזוי ווי תורתו פון דואג, וואס אויפדעם שטייט אין פסוק (תהלים נ, טז) 'ולרשע אמר אלקים מה לך לספר חוקי ותשא בריתי עלי פיך' (עי' סנהדרין קו:), ווייל לימוד התורה גרידא לערנט אויך דער רשע, אבער דאס איז נישט מער וויא א 'סיפור' - מן השפה ולחוץ, 'עלי' פיך און נישט 'בתוך פיך', און געוויס אוודאי אז מ'טאר נישט לערנען כדי זיך צו בארומען און גרויס צו האלטען, נאר מ'דארף לערנען די תורה פון אינערוויייניג פון טיפעניש פון הארץ, בבחינת 'הביאני אל בית היין', און דעמאלט וועט זיין 'ודגלו עלי אהבה', קען מען צוקומען צו אהבת ה', און די

אהבה געבט א כוח אוועק נעמען און אפטוהן און זיך מתגבר זיין אויף אלע שוועריקייטען.

**דער** אייבערשטער זאל העלפען אז מיר זאלען זוכה זיין צו מקבל זיין באמת די טעם פון די תורה, און אז די תורה זאל אונז טוישען בפנימיות הנפש, אז מיר זאלען זיין מער דערהויבען, און אז מיר זאלען קענען טוהן זיין רצון, און אז די זכות אבות הק' און אלע דורות נאך זיי, זאל אונז ביישטיין, 'שלא ימוש התורה מפי ומפי זרעי וזרע זרעי', און מיר זאלען זעהן בנים יראים ושלמים עוסקים בתורה ובמצוות, ווייל דאס איז דאך די שטרעבונג און די ווילען פון יעדער איינער און איינער פון אונז - יודישע קינדער, מיר זאלען זוכה זיין זיך אליינט מחנך צו זיין און אזוי אויך אונזערע קינדער אין די ריכטיגע וועג, ונהיה אנחנו וצאצאינו וצאצאי צאצאינו יודעי שמך ולומדי תורתך לשמה.